# Introduction אַרייַנפֿיר

זעט דעם ייִדישן אַרייַנפֿיר אויף ז' 2.
די צוויישפּראַכיקע ביבליאָגראַפֿיע געפֿינט זיך אויף זז' 8־10.

See the English introduction on p. 11.
The bilingual bibliography is on pp. 8-10.

„וואָס ווײַטער פֿון דײַטש". — זלמן רייזען

"The more distorted the better." — Mikhl Herzog

לזכּרון ד"ר מרדכי שעכטער ע"ה, וואָס ער האָט פֿאַרטראַכט דאָס ווערק, צונויפֿגעקליבן אַזוי פֿיל דאַטן
און געקנעלט מיטן צונויפֿשטעלער דאָס חשיבֿות פֿון דער ייִדישער טאָפּאָנימיק;
ווי אויך די דורות ייִדישע ייִדן וואָס האָבן באַשאַפֿן די דאָ געברענגטע ערטערנעמען.

שוין לאַנג איז נייטיק אַן אַרומנעמיקער זוכצעטל פֿון ייִדישע ערטערנעמען. אָט שטייט שוין אין דער רעדאַקציאָנעלער הערה צו שאָול חיותעס „נעמען פֿון גאַליצישע ערטער [...]" (1934: 229), אַז מיט דער אַרבעט „האָט ער שוין געגעבן אַ וויכטיקן צושטײַער פֿאַר דעם ייִדישן געאָגראַפֿישן אינדעקס, וועלכן עס גרייט די פֿילאָלאָגישע סעקציע פֿון ייִוואָ און וועלכער וועט האָבן אי אַ דעסקריפּטיוון אי אַ נאָרמאַטיוון כאַראַקטער". אָבער דער אינדעקס איז, אַ פּנים, קיין מאָל נישט מקוים געוואָרן, זענען די דאָ ווײַטער אויסגערעכנטע נעמען געבליבן צעזייט איבער דער ייִדישער ליטעראַטור, פֿילאָלאָגיע און רעדשפּראַך.

ערשט איצט האָבן מיר דאָס פֿאַרגעניגן צו ברענגען דעם לייענער דאָס ווערק **ייִדיש־לאַנד: לענדער, שטעט, שטעטלעך, טײַכן**. ס'איז דאָס נײַסטע רינגל אין דער סעריע ייִוואָ־פּובליקאַציעס אויף דער אינטערנעץ. דאָס האָבן מיר צום ערשטן מאָל געברענגט אונטער איין „דאַך" טויזנטער ייִדישע ערטערנעמען פֿון צענטראַל־ און מיזרח־אייראָפּע. דערמיט צו האָבן מיר אויך צוגעשטעלט אַלע מלוכישע נעמען אין משך פֿון די פֿאַרגאַנגענע הונדערט יאָר. ס'רובֿ נעמען האָבן מיר געשעפּט פֿון דער טאָפּאָנאָמישער קאַרטאָטעק פֿון ד"ר מרדכי שעכטער ע"ה, וואָס אים לזכּר דעדיקירן מיר דאָס ווערק און וואָס ווען נישט ער וואָלט עס קיין מאָל נישט געזען די ליכטיקע שײַן.[1]

אָט ווי מיר דעפֿינירן **ייִדיש־לאַנד**: די הײַנטיקע מלוכות אונגערן, אוקראַיִנע, בעלאַרוס, טשעכישע רעפּובליק, ליטע, לעטלאַנד, מאָלדאָווע, סלאָוואַקיי, עסטלאַנד, עסטרײַך, פּוילן און רומעניע, ווי אויך דער אייראָפּעיִשער חלק רוסלאַנד. אַרומנעמען נעמט עס אַרום דאָס וואָס מיכל הערצאָג (1965: 7) רופֿט אָן „דער ייִדיש־שפּראַכיקער שטח", אין איינעם מיט די שכנותדיקע לענדער ווו ס'האָבן זיך געשאַפֿן ייִדישע ערטערנעמען.[2]

ווי סע שטייט אונטן אין די אינסטרוקציעס פֿאַרן באַניצער איז דאָס איצטיקע ווערק אַ נאָרמאַטיווס אויף וויפֿל ס'לאָזט זיך. די ייִדישע נעמען גיבן מיר איבער אין דער פֿאָרעם ווי אַזוי ס'האָבן זיי אַרויסגערעדט די אָרטיקע ייִדן, נישט ווי אַזוי ס'איז צום מייסטן באַקאַנט אין דרוק. כּדי דער לייענער זאָל זיך אָריענטירן אין דעם צוגאַנג ברענגען מיר אַ אַ האַלב קאַפּיטעלע פֿון שעכטערס **לײַטיש מאַמע־לשון**, „ייִדישע געאָגראַפֿישע נעמען" (1986: 17־18):

> די קרוינשטאָט פֿון פּוילן וועט בײַ אונדז פֿאַרבלײַבן נישט „וואַרשאַווע" און נישט „וואַרשוי", נאָר **וואַרשע**. און ירושלים־דליטא מעג געהערן צו רוסלאַנד, ליטע אָדער פּוילן, וועט עס בײַ אונדז הייסן נישט מיטן ליטווישן נאָמען „ווילניוס", נישט מיטן רוסישן צי פּוילישן, נאָר מיטן ייִדישן, **ווילנע**. אויך **קראָקע, גער, בריסק, בראָד** אַאַז"וו זענען, דאַכט זיך, איצט שוין אָנגענומען ווי די ייִדישע נעמען פֿון אָט די קהילות.
>
> ביטער איז אָבער מיט טייל אַנדערע שטעט און שטעטלעך, דערעיקרשט די קלענערע אָדער ווינציקער באַוווּסטע. נישט זעלטן ווייסט מען נישט אָדער מע מאַכט זיך נישט־וויסנדיק, אַז אָט די קהילות האָבן אייגענע, ייִדישע נעמען, און מע רופֿט זיי אויף גוייִש. אַ גרויסער בעל־חטא אין דעם פּרט איז די לאַנדסמאַנשאַפֿטלעכע ליטעראַטור: יובֿל־ און יזכּור־ביכער, זכרונות פֿון עמיגראַנטן אד"גל. ווען אַ מחבר פֿון אַזאַן אַרטיקל אָדער בוך רופֿט זײַן שטעטל מיטן אָפֿיציעלן דײַטשישן, רוסישן, פּוילישן, ליטווישן, טשעכישן, אונגערישן אָדער רומענישן נאָמען, טוט ער עס צוליבן נאַיִוון גלייבן, אַז היות אַזוי האָבן עס גערופֿן דער בירגער־מײַסטער מיט די זשאַנדאַרן און בכּלל מלכות, איז **דאָס** דער „אמתער" נאָמען פֿונעם אָרט. אײַ, אַחינו־בני־ישׂראל רופֿן עס אַנדערש? אַ קשיא אויף אַ מעשׂה! חוץ דעם ווילט זיך דאָך אַ מחבר אַ פֿאָלקסמענטש קלינגען „אינטעליגענטיש", הײַנטוועלטיק, וועט ער זיך היטן צו שרײַבן: **רײַשע, שאָץ** און וועט אויסקומען מיט „זשעשוּוו", „סוטשאַוואַ".
>
> זעט איר, אַ גרעסערע טענה קען מען שוין האָבן צו דער ייִדישער פּרעסע. אמת, אַ קאָוונער צי כאַרקעווער רעדאַקטאָר האָט בײַ זיך אין דער היים קיין מאָל נישט געהערט דערמאָנען דעם ייִדישן נאָמען **סאָניק** /sunik/, בעת פֿונעם פּוילישן Sanok ווייסט ער אפֿשר יאָ. צי איז אָבער דאָס נישט־וויסן אַ תּירוץ? סוף־כּל־סוף קען מען זיך דאָך נאָכפֿרעגן. קיין סטאַנדאַרדיזירטע רשימה ייִדישע געאָגראַפֿישע נעמען איז טאַקע נאָך נישטאָ, ס'איז אָבער דאָ בײַ וועמען זיך נאָכצופֿרעגן און זאַמלונגען ווו מעיין צו זײַן. מע פֿאַרשטייט בײַ אונדז נישט, אַז ס'איז אַ סימן אָפּגעלאָזנקייט, ווען מ'איז זיך נישט מטריח צו דערגיין קיין טאָלק, און אַז ס'איז אַ פּחיתת־הכּבֿוד פֿאַר דער אייגענער שפּראַך, ווען מע ניצט אַ פּרעמדע געאָגראַפֿישע נאָמענקלאַטור. (דער שרײַבער פֿון די שורות גרייט אַצינד אַ ייִדיש געאָגראַפֿיש

---

1. זײַנע דאַטן האָט שעכטער צונויפֿגעקליבן פֿון געדרוקטע מקורים, וואָס מיר רעכענען זיי אויס אין דער ביבליאָגראַפֿיע, ווי אויך פֿון לעבעדיקע אינפֿאָרמאַטאָרן. צו דעם אַלעם האָבן מיר צוגעגעבן דאַטן פֿון נײַערע ייִדישע מקורים וואָס ער האָט זיי נישט באַוויזן צו באַאַרבעטן, ווי אויך פֿון נישט-ייִדישע מקורים געדרוקטע ממש און געדרוקטע אויף דער אינטערנעץ, פֿון וואַנעט מיר האָבן געשעפּט נאָך אַ סך מלוכישע נעמען.

2. בײַ שעכטערן אין דער קאַרטאָטעק זענען אויך פֿאַראַן ערטערנעמען פֿון די עמיגראַציע-לענדער: פֿאַראייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע אד"גל. די דאַטן האָבן מיר אינעם איצטיקן ווערק נישט אַרײַנגענומען. פֿון רוסלאַנד ברענגען מיר בלויז די סאַמע וויכטיקע נעמען.

ווערטערביכל, וועט דאָס נאָכקוקן גרינגער ווערן.[3] [4])

וואָרן ס׳איז אַ מאָדנע זאַך: איר וועט בײַ די אומות־העולם זעלטן געפֿינען אַזאַן אומבאַצױונג צום אייגענעם לשון בכּלל און צו די אייגענע געאָגראַפֿישע נעמען בפֿרט. דאַנצק, למשל, האָט זיך ביז איבער מאָרגן געמעגט האָבן אַ דײַטשישע מאַיאָריטעט אָדער געהערן צו דײַטשלאַנד, בײַ די פּאָליאַקן האָט די שטאָט געהייסן נישט אַנדערש ווי Gdańsk. דאָס איז אָבער נאָך ווינציק. אַפֿילו ערטער וואָס מע האָט אויף זיי קיין היסטאָרישע תּביעות נישט אַרויסגערוקט, האָבן אויך גאַנץ אָפֿט אייגענע נעמען. קיין פּאָליאַק, למשל, וועט די שטעט [ווין און מינכן] נישט רופֿן אַנדערש ווי מיט זייער פּוילישן נאָמען: Wiedeń, Monachium. אַזוי אויך, אַ שטייגער, אין ענגליש – אַנדערלענדישע שטעט, וואָס זיי האָבן ענגלישע נעמען, רופֿט מען תּמיד מיטן ענגלישן נאָמען און נישט מיטן נאָמען, וואָס זיי האָבן אינעם שייכדיקן לאַנד[5]: Cologne, Munich, Vienna, Naples (און נישט Köln, München, Wien, Napoli). ווי קומט עס? זאָלן זיי טאַקע נישט וויסן דעם „ריכטיקן״ נאָמען? וואָס הייסט, די ענגלישע אָקופּיר־מאַכט אינעם נאָכמלחמהדיקן עסטרײַך האָט נישט געוווּסט, אַז די פּראָווינצן פֿון איר אָקופּיר־זאָנע הייסן „אין דער אמתן״ Steiermark, Kärnten און נישט, ווי זי האָט זיי גערופֿן אויף „פּראָסט ענגליש״: Styria, Carinthia? איז וואָס דען? דאָס אייגענע לשון, ווי סע שטייט און גייט, מיט אַלע זײַנע געגנג און אַפֿילו קאַפּריזן, איז זײַן לשון און אַזוי־און־אַזוי הייסט דאָס־און־דאָס אויף זײַן לשון.

וואָס זשע איז דער יִדישער נאָמען פֿון אַ ווינאָרט? **דער אופֿן ווי די אָרטיקע יִדיש־רעדערס האָבן אין זייערע נאַטירלעכע רייד זיך נוהג געווען.** מיט די רייד פֿון יודל מאַרק: „דער ענין אויסלייג האָט נישט קיין דירעקטע שײַכות צו דער (...) פֿראַגע וועגן ניצן יִדישע געאָגראַפֿישע נעמען. דאָ דאַרף דער אויסלייג אָפּשפּיגלען ווי אַזוי יִדן האָבן **פּאַקטיש** אָנגערופֿן די שטעט און די לענדער, ווו זיי האָבן געלעבט. **איבער דער טראַדיציע פֿון שריפֿט קומט די (...) מער פֿאַרוואָרצלטע טראַדיציע פֿון ריידן**״ (מאַרק 1958: 92).

ס׳איז דאָס וואָס דער שרײַבער פֿון די שורות רופֿט דער **רשות־המקום**. סע טאָר נישט געמאָלט זײַן, אַז גויִש זאָל פֿאַר אונדז מכריע זײַן, אָדער די מטושטשע השׂגה וואָס יִדן – פּשוטע צי געלערנטע – פֿון „הינטער די הרי־חושך״ (פֿונעם קוקווינקל פֿון די אָרטיקע) האָבן וועגן דעם אָרטנאָמען. ווי **איסטעריק** הייסט אויף יִדיש דאַרף נישט זײַן געווענדט אין זשורנאַליסטן פֿון וואַרשע (צי גאָר ניו־יאָרק) אָדער פֿילאָלאָגן פֿון ווילנע. דער בעל־עגלה צי קרעמער פֿון איסטעריק איז דאָ דער העכסטער אויטאָריטעט.

ווי אַזוי ס׳זענען בכּלל אויפֿגעקומען יִדישע ערטערנעמען קען מען איבערגעבן בקיצור מיט די ווערטער פֿון עדוואַרד סטאַנקעוויטשן (1965: 181):

„... אויב נאָך אַלעמען זענען די יִדישע ערטערנעמען מיט אַזוי פֿיל אַנדערש פֿון די סלאַווישע ענטפּערערס איז עס דערפֿאַר וואָס יִדיש האָט זיי נישט אַנטליגן, נאָר איבערגענומען, איבערגעטײַטשט און צונויפֿגעשמאָלצן מיט זײַנע אַנדערע קאָמפּאָנענטן, וואָס זיי האָבן אַלע דורכגעמאַכט די זעלבע היסטאָרישע אַנטוויקלונג. די היסטאָריע פֿון די יִדישע ערטערנעמען ... איז די בעסטע אילוסטראַציע פֿון דעם פּראָצעס, פֿון דער אָנסופֿיקער לינגוויסטישער אײַנגלידערונג און צונויפֿשמעלצונג וואָס האָט באַשטימט די סטרוקטור פֿונעם הײַנטיקן יִדיש״ (אונדזער פֿאַרטײַטש). מאַמע־לשון האָט זיך זײַנע אייגענע שפּראַכיק־היסטאָרישע כּללים, אין דער פֿאָנאָלאָגיע, מאָרפֿאָלאָגיע און גראַמאַטיק, וואָס מע זעט בולט אינעם קאָרפּוס פֿונעם איצטיקן ווערק. מיט איין וואָרט: ערטערנעמען, בפֿרט די וואָס וואַקסן פֿון סלאַוויש, האָבן זיך צוגעפּאַסט צום יִדישן מויל. אפֿשר דער בעסטער משל: **זשעטל** (מערבֿ־רײַסן) – אַ פּנים, אַ פּשרה פֿונעם פּוילישן Zdzięcioł מיטן רײַסישן Dyatlava. ווי ס׳שרײַבט שלום־עליכם (1925 XXVIII: 139):

„הייסן זיי [=די שטעט], אויב איר ווילט וויסן אַקוראַט, ניט קרושניק און ניט יונעוו, נאָר ׳קראַסניק׳ און ׳יאַנאָוו׳. נאָר מיר, יִדישע קינדער, האָבן עס פֿאַרצויגן: ׳קרושניק׳ און ׳יונעוו׳. פֿאַר וואָס? פֿאַר גאָרניש׳! ס׳איז שענער אַזוי, איר פֿאַרשטייט צי ניין, ס׳איז יִ ד י ש ל ע כ ע ר... אַ גוי, להבֿדיל, אַז ער דאַרף זאָגן ׳יאַנאָוו׳, איז אַ גאַנצער עסק: יאַ־נאָוו – ווי פֿון אַ פֿאַס! און בײַ אונדז איז דאָס אי גלאַט, אי קורץ: יונעוו – און שוין!״

---

3. [וואָס פֿון דעם וואַקסט דאָך דאָס איצטיקע ווערק. — רעד׳]

4. פֿון די כּלערליי גוטע ביזאיצטיקע זאַמלונגען: ד״ר ש. בירנבוים (1918: 181-180), ד״ר פֿ. גוגענהיים-גרינבערג (1965), ש. ווינטער [1929], ש. חיות [1934], ד״ר י.-ח. טאַגליכט (1926) און ד״ר מ. לאַזערסאָן [1942]. נאָך מקורים — **יִדישע שפּראַך** XXXVI (1977): 20. אויך וועגן די פּרינציפּן פֿון יִדישער טאָפּאָנימיק איז דאָ אַ שפּאָרע ליטעראַטור: ד״ר פֿ.-י. בעראַנעק (1951), [ד״ר] מ. ווײַנרײַך (1973 [II]: 252-207), ד״ר ע. סטאַנקעוויטש (1965) א״אַ (פֿ״גל בירנבוים 1979: 342-340). אויך איבער די דיאַלעקטאָלאָגישע אַרבעטן פֿון מ. ווײַנגער, ד״ר או. ווײַנרײַך און דערעיקרשט נח פּרילוצקי איז צעוואָרפֿן אַ טאָפּאָנימישער אוצר. די אַרומנעמיקסטע אַלפֿאַבעטישע רשימה איז בירנבוימס (1979: 141-135) [צום באַדויערן האָט זי אַ סך טיפּאָגרײַזן — רעד׳]; דאָס יִדישע געאָגראַפֿישע ווערטערביכל, וואָס איך גרייט, וועט אָבער זײַן צוואָנציק מאָל גרעסער [בײַ בירנבוימען זענען דאָ אַן ערך 300 ערטערנעמען; בײַ דער הײַנטיקער סטאַדיע נעמט דאָס איצטיקע ווערק אַרײַן אַן ערך 3000 נעמען פֿון אַן ערך 6000 אין שעכטערס קאַרטאָטעק. — רעד׳].

5. [אין דער לעצטער צײַט זעען מיר אין ענגליש אַ נטיה צו שרײַבן אַנדערלענדישע שטעט לויטן מלוכישן נאָמען צי אַפֿילו זיי אַרויסרעדן אויפֿן פֿרעמדן אופֿן (למשל, די שטאָט וואָס איז געווען דער לאָקאַל פֿון דער ווינטער-אָלימפּיאַדע 2006, וואָס אויף ענגליש הייסט זי דאָך Turin, האָט מען בײַ דער אַמעריקאַנער טעלעוויזיע גאָר אָנגערופֿן אויף איטאַליעניש: Torino! — רעד׳]

אינסטרוקציעס פֿאַרן באַניצער:

דעם קאָרפּוס גיבן מיר איבער אין אַ טאַבעלע, די נעמען צעטיילטע לויטן לאַנד אין די הײַנטצײַטיקע גרענעצן און אײַנגעסדרט אַלפֿאַבעטיש לויטן הײַנטיקן מלוכישן נאָמען.[6] למשל:

| CURRENT OFFICIAL NAME | 1945-1991 | 1918-1939 | PRE-1918 | REGION | km FROM | DIR. FROM | NEAREST MAJOR CITY | TRANSCRIPTION OF YIDDISH | געבוירענע פֿון דאָרטן | ייִדישער נאָמען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| Vyzhnytsya (U) | Vizhnitsa (R) | Vijniţa (Rm) | Wischnitz (G) | north Bukovina | *31.75* | SSE | Kolomyya | /vizhnits/ | יוסף בורג | וויזשניץ |

אָט דער הײַנטיקער נאָמען ווערט דאָ געברענגט אינעם ערשטן שפּאַלט לינקס. אינעם צווייטן שפּאַלט געפֿינט זיך דער מלוכישער נאָמען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, פֿון 1945 ביז 1991. אינעם דריטן שפּאַלט: דער מלוכישער נאָמען צווישן די וועלט־מלחמות, 1918־1939; אינעם פֿערטן – דער מלוכישער נאָמען ביז 1918.[7] מיט די גרענעצן וואָס האָבן זיך געביטן במשך פֿון די וועלט־מלחמות אָדער באַלד פֿאַר צי נאָך זיי רעכענען מיר זיך נישט.[8] טאָמער איז ליידיק אַ געוויסער שפּאַלט דאַרף מען אַ קוק טאָן אינעם שפּאַלט וואָס אויף לינקס (ד"ה, פֿון דער דערנאָכדעמדיקער היסטאָרישער תּקופֿה), ווײַל דער נאָמען וואָס ווערט דאָרטן אָנגעגעבן האָט אויך געגאָלטן אין דער פֿריערדיקער תּקופֿה.

אינעם פֿיפֿטן שפּאַלט גיבן מיר דעם ראַיאָן ווו ס׳געפֿינט זיך די שטאָט צי שטעטל. די נעמען און ציפֿערן פֿון די ראַיאָנען קען מען געפֿינען אין דער ערשטער טאַבעלע דאָ ווײַטער; די ציפֿערן באַציִען זיך צו דער שליסל־מאַפּע. כּדי מע זאָל זיך נאָך בעסער אָריענטירן אויף דער מאַפּע גיבן מיר אינעם זעקסטן, זיבעטן און אַכטן שפּאַלט אויך די נענטסטע גרויסע שטאָט און ווי ווײַט און אין וואָסער זײַט, וואָסער ריכטונג, זי געפֿינט זיך פֿון דער שייכדיקער שטאָט/שטעטל; אויך די גרויסע שטעט קען מען געפֿינען אויף דער שליסל־מאַפּע.[9] כּדי מע זאָל זיי גרינג געפֿינען גיבן מיר אָן די נעמען פֿון די ראַיאָנען אין אַלפֿאַבעטישן סדר. טייל ראַיאָן־נעמען וואָס פֿיגורירן דאָ זענען די היסטאָריש אָנגענומענע; אַנדערע, ווידער, זענען צוגעטראַכטע בלויז צו דער פֿאַרטיילונג אינעם איצטיקן האַנטביכל; מיר גיבן זיי מיטן ציל צו אידענטיפֿיצירן די אַמאָליקע גרענעצן. די ראַיאָנען אַליין טיילן מיר אײַן לויט די זיך בײַטנדיקע גרענעצן פֿון די לעצטע הונדערט יאָר (זען די טאַבעלע). דער לייענער וועט באַמערקן, אַז חוץ אין עטלעכע פֿאַלן[10] האָבן קיין צוויי ראַיאָנען נישט דורכגעמאַכט די זעלבע גרענעצן־בײַטענישן.

אינעם נײַנטן שפּאַלט געפֿינט זיך די טראַנסקריפּציע פֿונעם ייִדישן נאָמען. מיר טראַנסקריבירן אויפֿן סמך פֿונעם רעגיאָנאַלן[11] אַרויסרעד פֿונעם

---

6. דער הײַנטיקער מלוכישער נאָמען איז דער וואָס גילט זינט צעפֿאַל פֿונעם ראַטן-פֿאַרבאַנד, 1991. (די דאַטע איז לאָוו-דווקא אַ פּינקטלעכע; אָט זענען זיך צעגאַנגען די טשעכישע רעפּובליק מיט סלאָוואַקײַ ערשט אין 1993.)

7. „ביז 1918" איז נישט קיין פּינקטלעכע דאַטע, וואָרן אינעם איצטיקן ווערק גיבן מיר זיך אָפּ מיטן 20סטן י"ה. טייל גרענעצן פֿון ביז 1918 זענען געווען רעלאַטיוו נײַע — אַ שטייגער, רומעניע איז געוואָרן אַ מלוכה פֿאַר זיך ערשט אין 1862. אַנדערע גרענעצן זענען געווען לאַנגאָניקע — בעמען און מערן, אין דער הײַנטיקער טשעכישער רעפּובליק, זענען פֿון 1526 אָן געווען אונטער דער עסטרײַכישער ממשלה. אויך די אַנדערע דאַטעס זענען נישט קיין פּינקטלעכע: למשל, דער ראַיאָן וואָס מיר רופֿן דאָ „דרום-ליטע" האָט געהערט צו פּוילן בלויז אין די יאָרן 1922-1939; פֿונדעסטוועגן ניצן מיר די כּוללדיקע דאַטעס „1918-1939".

8. דײַטשלאַנד, אַ שטייגער, האָט באַלד פֿאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה, אין 1938, אַנעקסירט עסטרײַך מיט טייל טשעכאָסלאָוואַקײַ; דער ווילנער ראַיאָן, וואָס מיר רופֿן דאָ אַד האָק „דרום-ליטע", איז באַלד נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, 1919-1922, עטלעכע מאָל אַריבער פֿון ליטע צו פּוילן און צוריק, ביז פּוילן האָט נישט באַוויזן אײַנצושטעלן זײַן ממשלה.

חוץ דעם קענען מיר דאָ נישט ברענגען אַלע מלוכישע נעמען פֿון די לעצטע טויזנט יאָר. וועט מען אונדז אַוודאי מוחל זײַן, וואָס מיר דרוקן דאָ נישט, למשל, די פּוילישע נעמען פֿונעם אַמאָליקן גרויס-פּוילן-ליטע, וואָס זיי האָבן געגאָלטן ביזן 18טן י"ה.

געדענקט אויך, אַז אינעם ראַטן-פֿאַרבאַנד זענען די מלוכישע נעמען אין אוקראַיִנע און בעלאַרוס געווען רוסישע, בשעת אינעם הײַנטיקן אוקראַיִנע און בעלאַרוס זענען זיי אוקראַיִנישע און בעלאַרוסישע/רײַסישע. אין ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד זענען די מלוכישע נעמען געווען ליטווישע, לעטישע און עסטישע נאָך אונטערן ר"פֿ, אַזוי ווי הײַנט, וואָרן מע האָט די אָרטיקע נעמען איבערגענומען אין רוסיש אויך. ביז 1918, אין דער רוסישער אימפּעריע, זענען אַלע מלוכישע נעמען געווען רוסישע. אין קאָנגרעס-פּוילן און גאַליציע, ווידער, ווו ס׳רובֿ אײַנוווינערס זענען געווען פּאָליאַקן, זענען די מלוכישע נעמען בדרך-כּלל געווען פּוילישע, אַפֿילו און רוסלאַנד אָדער עסטרײַך. בלויז אין ווייניק פֿאַלן גיבן מיר אָן דעם רוסישן צי דײַטשישן נאָמען.

9. נישט זעלטן טרעפֿט זיך, אַז אין איין געגנט געפֿינען זיך עטלעכע שטעטלעך מיט איין נאָמען. איז אויב אינעם מקור איז נישט קלאָר אָנגעוויזן וועלכס שטעטל מע מיינט, קען מען טייל מאָל כּלל נישט וויסן. אין אַזעלעכע פֿאַלן האַלטן מיר זיך אָפּ פֿון באַשטימען.

10. עטלעכע יוצאים-מן-הכּלל: די ראַיאָנען וואָס מיר רופֿן אַד האָק „דרום-באַסאַראַביע" און „צפֿון-באַסאַראַביע", וואָס כאָטש זיי האָבן זיך אַלע מאָל געפֿונען אין איין מלוכה, גרענעצן זיי זיך נישט; דאָס גלײַכן „מיזרח-שלעזיע" און „פּויזן-מערבֿ-פּרײַסן". וואָס שייך קאָנגרעס-פּוילן און „גראָדנע", זענען זיי ביז 1918 ביידע געווען אונטער רוסלאַנד, אָבער „גראָדנע" האָט געהערט צום תּחום-המושבֿ, קאָנגרעס-פּוילן נישט; דאָס זעלבע „צפֿון-ליטע" און „סוּוואַלק" — „צפֿון-ליטע" יאָ אינעם תּחום-המושבֿ, „סוּוואַלק" נישט.

11. „רעגיאָנאַל" הייסט דער אַרויסרעד וואָס איז אויפֿגעוויזן פֿונעם אָרט און אַרום.

שייכדיקן נאָמען, סײַדן ס׳זענען פֿאַראַן דיאַלעקטישע וואַריאַנטן, וואָס דאָס איז זעלטן. למשל, **קראָקע** טראַנסקריבירן מיר /kroke, kru:ke/, וואָרן אין ליטעראַרישן און צפֿון־ייִדיש זאָגט מען דאָך /kroke/, אין צענטראַל־ייִדיש (= פּויליש ייִדיש) /kru:ke/. די טראַנסקריפּציע איז אַ נאָרמאַטיווע; קיין אַנדערע אויפֿגעוויזענע נוסחאָות גיבן מיר נישט איבער [12].

די ייִדישע נעמען טראַנסקריבירן מיר לויט די כּללים פֿונעם ייִוואָ (זען צווייטע טאַבעלע דאָ ווײַטער). אַ צוגאָב: וואָקאַלישע לענג ווערט איבערגעגעבן מיט צוויי פּינטעלעך (:) – אַזוי ווי וואָקאַלישע לענג איז אינעם ליטעראַרישן ייִדיש נישטאָ איז לויטן ייִוואָ נישטאָ דערויף קיין סימן, אָבער אויף איבערצוגעבן דעם דיאַלעקטישן אַרויסרעד איז עס יאָ נייטיק. אומאַקצענטירטע וואָקאַלן וואָס ווערן אַרויסגעברענגט מיט שוואָ ווערן אומאויסגעהאַלטן געשריבן – אָדער „י״ אָדער „ע״ אויף ייִדיש, אָדער i אָדער e אין דער טראַנסקריפּציע, לויטן אָנגענומענעם שרײַב־אופֿן, אָבער צום אַרויסרעד האָט עס קיין שײַכות נישט. **דער אַקצענט ווערט איבערגעגעבן מיט ׳ ווען ער פֿאַלט נישט אויפֿן פֿאַרלעצטן טראַף.** (אַז מע ווייסט שוין ווו ס׳פֿאַלט דער אַקצענט קען מען דאָך אויך דרינגען וועלכע וואָקאַלן ס׳זענען פֿולע און וועלכע – שוואָ.)

אינעם צענטן שפּאַלט ווערן אויסגערעכנט באַקאַנטע געבוירענע פֿונעם אָרט – שרײַבערס, אַרטיסטן אד״גל, דערעיקרשט אויפֿן סמך פֿונעם **לעקסיקאָן פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור** (זען ביבליאָגראַפֿיע). אויב מיר גיבן דעם שרײַבער בלויז אונטער זײַן געבוירן־לאַנד, הייסט דאָס, אַז אינעם **לעקסיקאָן** שטייט נישט קיין נאָמען פֿון אַ שטאָט, נאָר בלויז פֿונעם לאַנד.

אינעם עלעפֿטן שפּאַלט געפֿינט זיך דער ייִדישער נאָמען מיטן ייִדישן אויסלייג. כאָטש אין דעם שפּאַלט באַמיִען מיר זיך צוצוגיין מיט אַ נאָרמאַטיוון צוגאַנג גיבן מיר טייל מאָל אויך אַן אומנאָרמאַטיוון שרײַב־אופֿן, **אויב ער איז זייער פֿאַרשפּרייט בכּתבֿ** (אַנדערש פֿונעם טראַנסקריפּציע־שפּאַלט). נאָר די כּלערליי אַלטלעכע צי פֿאַרעלטערטע נוסחאָות ברענגען מיר נישט.[13] אויב אין אַ ייִדישן טעקסט באַגעגנט מען אַ נוסח וואָס ווערט דאָ נישט געגעבן איז כּדאַי עס איבערשרײַבן מיט לאַטײַנישע אותיות; ס׳קער אַליין זײַן איבערגעשריבן פֿון אַ מלוכישן נאָמען, מיט לאַטײַנישע אותיות. געדענקט: אויב ס׳איז, דאַכט זיך, דאָ אַ סתּירה דאַרף מען אַרויסרעדן דעם ייִדישן נאָמען לויט דער טראַנסקריפּציע, נישט לויטן אויסלייג.[14]

דער לייענער וועט זען, אַז אין די רשימות זענען נאָך געבליבן פּרעגצייכנס. לאָמיר האָפֿן, אַז ס׳וועט אַ מאָל נאָך אויסקומען צו פֿאַרענטפֿערן די אָ אָפֿענע שאלות.[15]

---

12. חוץ דעם דאָ איבערגעגעבענעם נאָרמאַטיוון אַרויסרעד זענען אַ מאָל אויפֿגעוויזן נאָך אַרויסרעדן, וואָס זיי זענען אין תּוך אַרײַן אַ מלוכישער נאָמען אַרויסגעברענגט אויף ייִדיש, בשעת דאָס וואָס מיר האַלטן פֿאַר נאָרמאַטיוו איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע היסטאָרישע אַנטוויקלונג אויף ייִדיש. פֿאַר וואָס? וואָרן ערטערנעמען וואָס זענען ביז נישט לאַנג געווען אומבאַקאַנטע חוץ אינעם אייגענעם ראַיאָן ווערן סוף־כּל־סוף באַקאַנט לויטן מלוכישן נאָמען. למשל, ייִדיש /le'mb(e)rik/ אַקעגן דײַטשיש Lemberg, וואָס איז אויך אויפֿגעוויזן אין ייִדיש. טייל מאָל איז דער דורותדיקער ייִדישער נאָמען גלײַך דעם מלוכישן, ווי, אַ שטייגער, ייִדיש /yedvabne/ אַקעגן פּוילישן Jedwabne.

13. מערקט זיך, אַז Where Once We Walked, אַ שטייגער, איז אַ דעסקריפּטיוו ווערק, ברענגען זיי אַלע אויפֿגעוויזענע אויסלייג־נוסחאָות.

14. בײַ ערטערנעמען איז אַ סך מאָל שווערער צו באַשליסן ווי אַזוי אויסצולייגן איידער ווי אַזוי צו טראַנסקריבירן.

בדרך־כּלל גיט אַ וואָקאַלישער אות איבער מער ווי איין אַרויסרעד (**דער איבערדיאַלעקטישער פּרינציפּ**). אַ שטייגער, ווערט „ו״ אין **קומען** אַרויסגערעדט סײַ /u/ (צפֿון־ייִדיש), סײַ /i/ (דרום־ייִדיש); אין **טאָג** ווערט „אָ״ אַרויסגערעדט סײַ /o/ (צפֿון־ייִדיש), סײַ /u/. נאָר אין שײַכות מיט רעגיאָנאַליזמען, ד״ה ווערטער וואָס זענען אויפֿגעוויזן בלויז אין אַ געוויסן שטח), צעפֿאַלט זיך דער דאָזיקער פּרינציפּ. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט איז אַזאַ פֿאַל ווי **קראָקע** אַ זעלטנקייט. טאַקע דערפֿאַר קען מען קאָנסטאַטירן, אַז ס׳רובֿ ערטערנעמען זענען דווקא רעגיאָנאַליזמען.

הייסט עס, אַז פֿאַראַן אַ צאָל דאָ אויסגערעכנטע ערטערנעמען מיטן וואָקאַל /u:/, וואָס דאָס וואַקסט בלי־ספֿק אַרויס פֿון אַ פֿריִערדיקן /o/ וואָס איז מער נישטאָ (אַנדערש פֿון, אַ שטייגער, **קראָקע**), ווי, למשל, **קראָשניק/קרושניק** (פּויליש Kraśnik), דרום־מערבֿ פֿון לובלין. ווי אַזוי דאַרף מען אַזאַ נאָמען אויסלייגן אויף מאַמע־לשון?

איז אַזוי: דער שרײַב־אופֿן **קרושניק**, אַזוי ווי בײַ שלום־עליכמען (1925 XXVIII: 137 א״וו), איז אומהיסטאָריש; פֿון אים באַקומט זיך, ספּעציעל בײַם נאַיִוון רעדער פֿון דרום־ייִדיש, אַז דעם וואָקאַל דאַרף מען גאָר אַרויסרעדן /i/. דער שרײַב־אופֿן **קראָשניק**, ווידער, ווי בײַ באַשעוויסן, מאַקס ווײַנרײַכן, סדנען און פּרילוצקין, וואָלט געקענט פֿאַרפֿירן דעם עולם, ספּעציעל דעם נאַיִוון תּלמיד פֿון כּלל־ייִדיש, וואָרן פֿון אים באַקומט זיך, אַז דעם וואָקאַל דאַרף מען גאָר אַרויסרעדן /o/. אויך איבער דעם מוזן מיר אין היפּש פֿאַלן אָנגעבן מער ווי איין שרײַב־אופֿן מיטן תּנאַי, אַז דעם דעפֿיניטיוון דורותדיקן אַרויסרעד דאַרף מען זוכן אין דער טראַנסקריפּציע מיט לאַטײַנישע אותיות.

15. דאָרטן ווו סע שטייט „(איין שטאָט?)״ הייסט עס, אַז ס׳איז נישט קלאָר, צי די דאָרט געבוירענע שטאַמען פֿון איין שטאָט צי פֿון צוויי שטעט מיטן זעלבן נאָמען.

| ראַיאָנען | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| מאַפּע־ציפֿער | נאָמען | איצטיקע מלוכה | מלוכה 1945־1991 | מלוכה 1918־1939 | מלוכה ביז 1918 |
| 13 | אונגערן | אונגערן | | | |
| 19 | אַלט־רומעניע | רומעניע | | | |
| 2 | בורגנלאַנד | אונגערן | עסטרײַך | | |
| 24 | דרום־באַסאַראַביע | רוסלאַנד | רומעניע | ראַטן־פֿאַרבאַנד | אוקראַיִנע |
| 12 | גראָדנע[16] | רוסלאַנד | פּוילן | | |
| 25 | דרום־בוקעווינע | עסטרײַך | רומעניע | | |
| 26 | דרום־ליטע | רוסלאַנד | פּוילן | ראַטן־פֿאַרבאַנד | ליטע |
| 31 | וואָלין[17] | רוסלאַנד | פּוילן | ראַטן־פֿאַרבאַנד | אוקראַיִנע |
| 30 | זימבערגן | אונגערן | רומעניע | | |
| 29 | טראַנסניסטריע[18] | רוסלאַנד | ראַטן־פֿאַרבאַנד | | מאָלדאָווע |
| 5 | טשעכישע רעפּובליק | עסטרײַך | טשעכאָסלאָוואַקײַ | | טשעכישע רעפּובליק |
| 14 | לעטלאַנד | רוסלאַנד | לעטלאַנד | ראַטן־פֿאַרבאַנד | לעטלאַנד |
| 7 | מיזרח־אוקראַיִנע | רוסלאַנד | ראַטן־פֿאַרבאַנד | | אוקראַיִנע |
| 6 | מיזרח־בעלאַרוס | רוסלאַנד | ראַטן־פֿאַרבאַנד | | בעלאַרוס |
| 8 | מיזרח־גאַליציע | עסטרײַך | פּוילן | ראַטן־פֿאַרבאַנד | אוקראַיִנע |
| 9 | מיזרח־פּרײַסן[19] | דײַטשלאַנד | | ראַטן־פֿאַרבאַנד | רוסלאַנד |
| 10 | מיזרח־שלעזיע | דײַטשלאַנד | פּוילן | | |

16. „גראָדנע" רופֿן מיר דעם חלק גראָדנער גובערניע, רוסישע אימפּעריע (אַרײַנגערעכנט ביאַליסטאָק), וואָס איז נישט געווען קיין טייל פֿון קאָנגרעס-פּוילן, אָבער איז יאָ אינעם הײַנטיקן פּוילן. (דער צווייטער חלק גראָדנער גובערניע געפֿינט זיך אינעם הײַנטיקן בעלאַרוס, אינעם ראַיאָן וואָס מיר רופֿן מיטן דאָ צוגעטראַכטן טערמין „מערבֿ-בעלאַרוס".)

17. „וואָלין" איז נישט וואָלינער גובערניע (רוסישע אימפּעריע), נאָר דער ראַיאָן אין צווישן-מלחמהדיקן פּוילן, וואָס דעקט זיך אַן ערך מיט דער פּוילישער וואָיעוואָדשאַפֿט וואָלין, וואָס געפֿינט זיך בײַ הײַנטיקן טאָג אין אוקראַיִנע.

18. די געשיכטע פֿון דעם ראַיאָן איז אַ שטאַרק קאָמפּליצירטע. צווישן די וועלט-מלחמות האָט דער ראַטן-פֿאַרבאַנד עטאַבלירט אין אוקראַיִנע אַ מאָלדאַווישע אויטאָנאָמע רעפּובליק אויף מיזרח פֿונעם טײַך נעסטער, קעגנצווווירקן דעם רומענישן באַסאַראַביע. נאָכן אַנעקסירן באַסאַראַביע אין 1940 האָט ער פֿונעם רובֿ באַסאַראַביע געמאַכט די מאָלדאַווישע סס״ר (אינעם רומעניש באַווינטן חלק וואָס מיר רופֿן „צענטראַל-באַסאַראַביע" — די אוקראַיִניש באַווינטע „צפֿון-" און „דרום-באַסאַראַביע" האָט מען צוגעשלאָסן צו דער אוקראַיִנישער סס״ר), אין איינעם מיט אַ פּאַס אויף מיזרח פֿונעם נעסטער. אָט דעם פּאַס רופֿן מיר דאָ „טראַנסניסטריע". אלא וואָס, דער הײַנטיקער פּאַס טראַנסניסטריע איז נישט דער זעלבער וואָס די מאָלדאַווישע אויטאָנאָמע רעפּובליק בשעתו, ווי אויך נישט דער זעלבער וואָס דער ראַיאָן אין דער צווייטער וועלט-מלחמה אונטער רומעניע, ווּהין מע האָט דעפּאָרטירט און אומגעברענגט טויזנטער ייִדן. נאָך מער אינפֿאָרמאַציע זע מאַגאָטשי 1993/ 2002. חוץ דעם אָנערקענען נישט סירובֿ אײַנוווינערס פֿונעם הײַנטיקן פּאַס טראַנסניסטריע זײַן אײַנגלידערונג אין דער הײַנטיקער מאָלדאַווישער רעפּובליק און וואָלט בעסער געוואָלט צושטיין צו אוקראַיִנע צי רוסלאַנד.

19. זינט 1945 געפֿינט זיך דער גרעסטער חלק מיזרח-פּרײַסן אין פּוילן, אָבער פֿון דאָרטן זענען, דאַכט זיך, נישטאָ קיין ייִדישע ערטערנעמען. גיבן מיר אָן בלויז דעם רוסישן חלק.

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 15 | **מעמל** | דײַטשלאַנד | ליטע | ראַטן־פֿאַרבאַנד | ליטע |
| 32 | **מערבֿ־בעלאַרוס** | רוסלאַנד | פּוילן | ראַטן־פֿאַרבאַנד | בעלאַרוס |
| 33 | **מערבֿ־גאַליציע** | עסטרײַך | פּוילן | | |
| 27 | **סוּוואַלק**[20] | רוסלאַנד | ליטע | ראַטן־פֿאַרבאַנד | ליטע |
| 23 | **סלאָוואַקײַ** | אונגערן | טשעכאָסלאָוואַקײַ | | סלאָוואַקײַ |
| 11 | **עסטלאַנד** | רוסלאַנד | עסטלאַנד | ראַטן־פֿאַרבאַנד | עסטלאַנד |
| 1 | **עסטרײַך ממש** | עסטרײַך | | | |
| 20 | **פּאָמערן־שלעזיע** | דײַטשלאַנד | | פּוילן | |
| 21 | **פּויזן־מערבֿ־פּרײַסן** | דײַטשלאַנד | פּוילן | | |
| 3 | **צענטראַל־באַסאַראַביע** | רוסלאַנד | רומעניע | ראַטן־פֿאַרבאַנד | מאָלדאָווע |
| 16 | **צפֿון־באַסאַראַביע** | רוסלאַנד | רומעניע | ראַטן־פֿאַרבאַנד | אוקראַיִנע |
| 17 | **צפֿון־בוקעווינע** | עסטרײַך | רומעניע | ראַטן־פֿאַרבאַנד | אוקראַיִנע |
| 18 | **צפֿון־ליטע** | רוסלאַנד | ליטע | ראַטן־פֿאַרבאַנד | ליטע |
| 4 | **קאָנגרעס־פּוילן** | רוסלאַנד | פּוילן | | |
| 28 | **קאַרפּאַטן־לאַנד** | אונגערן | טשעכאָסלאָוואַקײַ | ראַטן־פֿאַרבאַנד | אוקראַיִנע |
| 4a | **קרים** | רוסלאַנד | ראַטן־פֿאַרבאַנד[21] | | אוקראַיִנע |
| 22 | **רוסלאַנד ממש** | רוסלאַנד | ראַטן־פֿאַרבאַנד | | רוסלאַנד |

## טראַנסקריפּציע

ערטערנעמען אויף רוסיש, אוקראַיִניש און ווײַסרוסיש גיבן מיר אָן בלויז טראַנסקריבירטערהייט. ערטערנעמען אויף ייִדיש גיבן מיר סײַ אינעם אָריגינאַל, סײַ טראַנסקריבירט; ערטערנעמען אויף פּויליש, טשעכיש, סלאָוואַקיש, אונגעריש, רומעניש, דײַטשיש, ליטוויש, לעטיש און עסטיש גיבן מיר בלויז אינעם אָריגינאַל.

די טראַנסקריפּציע פֿון ייִדישע נעמען איז אין גאַנצן מיט גרויסהאַנטיקע אותיות סײַדן ווען צוויי אותיות גיבן איבער איין קלאַנג; אין אַזאַ פֿאַל איז דער ערשטער אות אַ גרויסהאַנטיקער, דער צווייטער – אַ קלײנהאַנטיקער.

נאָך אַ טאַבעלע מיט דער טראַנסקריביר־סיסטעם פֿון ייִדיש אויף ענגליש און פֿון קיריליש (רוסיש אד"גל) אויף ענגליש, זעט דעם ענגלישן אַרײַנפֿיר.

20. „סוּוואַלק" איז דער חלק סוּוואַלקער גובערניע (רוסישע אימפּעריע) וואָס איז געווען אַ טייל פֿון קאָנגרעס-פּוילן, אָבער איז הײַנט אין ליטע. (דער צווייטער חלק סוּוואַלקער גובערניע, אַזוי ווי די רעשט קאָנגרעס-פּוילן, איז הײַנט אין פּוילן.)

21. אַנעקסירט אין 1956 צו דער אוקראַיִנישער סס"ר.

## ביבליאָגראַפֿיע

אַלג"ענצ = **אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע.**

1934־1957.

בורשטיין, אַבֿיעזר

1976. **חסידים דערציילן.** תּל־אָבֿיבֿ.

וויינגער, מרדכי.

1926. וועגן ייִדישע דיאַלעקטן". [מינסקער] **צייַטשריפֿט** 1 181־195.

ווייַנרייַך, מאַקס

1973. **געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך: באַגריפֿן, פֿאַקטן, מעטאָדן.** 4 בב'. ניו־יאָרק.

ווינטער, שמואל

1929. „אַ ביסל פּויליש־ייִדישע געאָגראַפֿיע". **פֿילאָלאָגישע שריפֿטן** III 585־588.

זאַרעצקי, אײַזיק

1929. **ייִדישע גראַמאַטיק** [...]. ווילנע.

זילבערצווייַג, זלמן

1931־1969. **לעקסיקאָן פֿון ייִדישן טעאַטער.** ניו־יאָרק־וואַרשע־מעקסיקע.

חיות, שאָול

1934. „נעמען פֿון גאַליציִשע ערטער אין ייִדישע מקורים און אין פֿאָלקס־לשון". **ייִוואָ־בלעטער** VII 229־242.

טאַגליכט, ישׂראל־חיים

1926. „די געאָגראַפֿישע נעמען פֿון טשעכאָסלאָוואַקייַ און פֿון שכנותדיקן בורגנלאַנד". **פֿילאָלאָגישע שריפֿטן** I 337־346.

טשערניכאָוו, יוסף

1932. **אין רעוואָלוציאָנאַל: זכרונות פֿון אַ פּאַרטייִדיקער.** ווילנע.

יונין, וואָלף

1972־1973. „שפּראַכווינקל". **פֿאָרווערטס.**

**ייִדישע שפּראַך**

1977. „זוכצעטלען צום זשורנאַל **ייִדישע שפּראַך** 1941־1974".

כהן, בערל

1986. **לעקסיקאָן פֿון ייִדיש־שרייַבערס.** ניו־יאָרק.

לאַזערסאָן, מ.

1942. „אַ ביסל באַלטיש־ייִדישע געאָגראַפֿיע". **ייִדישע שפּראַך** II 84־87.

לעקסיקאָן = **לעקסיקאָן פֿון דער נייַער ייִדישער ליטעראַטור.**

1956־1981. 8 בב'. ניו־יאָרק.

לערנער, פֿאַליק

1958. **אַ בעסאַראַבער שטעטל.** בוענאָס־אײַרעס.

לערער, משה

1928. „פֿון פּויליש־ייִדישן ווערטער־אוצר". **פֿילאָלאָגישע שריפֿטן** II 369־380.

מאַרק, יודל

1958. „מע שרייַבט אונדז". **ייִדישע שפּראַך** XVIII 92.

פּרילוצקי, נח

1912. **זאַמלביכער פֿאַר ייִדישן פֿאָלקלאָר, פֿילאָלאָגיע און קולטורגעשיכטע.** וואַרשע.

1917. **דער ייִדישער קונסונאַנטיזם.** וואַרשע.

1938. „נעמען פֿון לענדער, שטעט, גאַסן". **ייִדיש פֿאַר אַלע** 1 47־54.

פּרץ, יצחק־לייבוש

1891־1892. **דיא יודישע ביבליאָטעק**. רעדאַקטאָר: י.־ל. פּרץ.

רעסלער, בנימין

1929. **נאָכן געראַטעניש**. ווילנע.

שלום־עליכם

1925. **אַלע ווערק פֿון שלום־עליכם**. 28 בב׳. ניו־יאָרק.

שעכטער, מרדכי

1986. **לייַטיש מאַמע־לשון: אָבסערוואַציעס און רעקאָמענדאַציעס**. ניו־יאָרק.

שרייַבמאַן, יחיאל

1971. „פֿינף דערציילונגען״. **סאָוועטיש היימלאַנד**, נ׳ 1.

## Bibliography

Beranek, Franz J.

1951. "Jiddische Ortsnamen." **Zeitschrift für Phonetik** V:88-100.

Birnbaum, Salomo(n) / Solomon

1918. **Praktische Grammatik der jiddischen Sprache**. Vienna-Leipzig (2nd ed., Hamburg, 1966).

1979. **Yiddish: A Survey and A Grammar**. Toronto.

Cohen, Chester G.

1980. **Shtetl Finder Gazetteer**. Los Angeles.

Guggenheim-Grünberg, Florence.

1965. "Place Names in Swiss Yiddish." **Field of Yiddish** II:147-157.

Herzog, Marvin I.

1965. **The Yiddish Language in Northern Poland**. Bloomington, Indiana / The Hague.

Herzog, Marvin I., et al.

1992-. **The Language and Culture Atlas of Ashkenazic Jewry**. 3 volumes of a projected 8. Tübingen.

Kossover, Mordecai

1966. **Arabic Elements in Palestinian Yiddish**. Jerusalem.

Lelkes, György

1998. **Magyar helységnév-azonosító szótár**. Budapest.

Magocsi, Paul R.

1993. **Historical Atlas of East Central Europe**. Seattle. Revised edition, 2002: **Historical Atlas of Central Europe**.

Majtán, Milan

1998. **Názvy obcí Slovenskej republiky**. Bratislava.

Mokotoff, Gary, et al.

1991. **Where Once We Walked**. Bergenfield, N.J. Revised edition, 2002.

Stankiewicz, Edward

1965. "Yiddish Place Names in Poland." **Field of Yiddish** II:158-181

U.S. Board on Geographic Names

1955-70. **Official Standard Names** (for Czechoslovakia, Hungary, Poland, Romania, U.S.S.R.). Washington.

Weinreich, Uriel, ed.

1965. **The Field of Yiddish**. Second collection. The Hague.

## Websites

Directory of Cities and Towns in World: http://www.fallingrain.com/world/index.html

Google Maps World Gazetteer: http://www.maplandia.com/

III. katonai felmeres: http://lazarus.elte.hu/hun/digkonyv/topo/3felmeres.htm

Index Mundi — Europe: http://www.indexmundi.com/europe.html

Map of Poland — 19,500 locations: http://www.pilot.pl/

Map of Ukraine, Europe: http://www.collinsmaps.com/maps/Ukraine/207143C.aspx

Place Names — Eastern Slovakia: http://www.iabsi.com/gen/public/kingdom_of_hungary.htm#oldnames

RadixHub :: Gazetteers :: The 1913 gazetteer of Hungary: http://www.radixhub.com/radixhub/gazetteers/1913

The early 1900s gazetteer of Austria-Hungary: http://www.austriahungary.info/en/gazetteer1900

Weather in Ukraine: http://weather.in.ua/en/

www.kartenmeister.com

This work is dedicated to the memory of Dr. Mordkhe Schaechter
and to the generations of Yiddish speakers who created these place names

